NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13068

BOBE-MAYSES

Sh. (Shmuel) Rosin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

13/12685
13.
12685

ש. ראסין.

באבע מעשיות

(קינדער־פּאָעמען).

קאטערינאָסלאוו.
פארלאג „ויסנשאפט“
1919

איבערזעצן אדער איבער-
דרוקן אן דער ערלויבניש
פון מחבר איז פארבאטן.

הילע און טעקסט-צייכנונגען
פון קינסטלער וולאדימירסקי.

קאטעריגאסלאוו, דרוקעריי „קולטורא".
וואסקרעסענסקע 15.

א.

די בלינדע מירל.

אויפן פריזבע זיצט די באָבע
שבת׳דיג געקליידט
און די זון מיט פייכטע בליקן
צום פארגאנג באגלייט.
איבער געסל לאנגע שאטנס
שפרייטן זיך, ווי זייד;
ס׳זעגנט זיך דער שבת־קודש
מיט די פרומע לייט.
דא און דארטן מיט אַ פארהאנג
שפילט זיך, שטיפט דער ווינט;
מיט אַ טרויעריגן נגון
וויגט איין ווער אַ קינד.
אלטע לייט אוועק צו מעריב,
יונגע—אויף שפאציר;
איך האב ליב מיין אלטע באבן,—
זיץ איך נעבן איר.
כ׳ציה זיך אויס בא איר צופוסן,
ס׳קעפל—אין איר שויס,
גלעט זי מאמעש מיינע הערלאך

קושט אין שטערן הייס.
און איך ווייס שוין: נאך אַ רגע,
(און די זון פארגעהט),
וועט די באָבע מיר דערצעהלן
מעשיות שטילערהייט.
ליב האב איך מיין אלטע באָבן,
ליב איר צארטן קול;
זי דערצעהלט מיר וואונדערלאכע
מעשיות פון אַמאָל.
— אמאָל, אַמאָל—הויבט אָן די באָבע
(און איך ווער געליימט),—
האָט אַ רב אין אונזער שטעטל
מיט אַ רבי׳צין געוואוינט.
האָבן זיי געהאט אַ טאָכטער—
איין און איינציג קינד,
שע, איז זי געווען—אַ וואונדער,
נאָר צ׳ום אומגליק בלינד;
אָפן זיינען אירע אויגן,
נאָר געזעהן ט׳זי ניט,
האָט די מאמע זי געכאוועט,
און געצערטלט, און געהיט.
איז זיך מירעלע געוואַקסן
און פון צרות ניט געוואוסט,
נאָר געשטאָרבן איז די מאמע—
איז איר הארץ געוואָרן וויסט.
האָט דער רב אַ ווייב אַ צווייטע,
ווי עס פאסט זיך פאר אַ רב,
האָט זי מירעלען געפייניגט
אָן אָן אויפהער, אָן אַ סוף.

האָט איר עסן ניט געגעבן,
האָט איר ארבעטן געגנויט:
טראגן האָלץ און אויוונס הייצן,
דילן וואשן בלינדערהייט.
און דעם רב האָט זי געיאַדעט,
ניט געלאָזן רוהען גאָר:
„טרייב ארויס דעם בלינדן טייוול
פון מיין שטוב, דו אלטער נאר!
נעם פארפיר זי אין אַ וואלד טיף,
בינד זי צו דארט צו אַ בוים,
אז זי זאָל דעם וועג ניט קאָנען
שוין געפינען צו דער היים,
דען זי מאכט זיך נאר ניט זעהען—
זעהען זעהט זי זעהר גוט".
און דער רב האָט זיך פאר'דאגה'ט
און ער וויים ניט, וואָט מע טוט;
איז זי צו אים צוגעשטאנען
האָט זיין לעבן אים פארוויסט,
האָט געטאָטשעט אים אָן אויפהער—
ער האָט פאָלגן זי געמוזט.
און אמאָל אין בין השמשות,
ווען דער טאָג די נאכט דערשפירט,
האָט דער רב זיין קינד גענומען
און אין טיפן וואלד פארפירט.
אין אן אלטן וואלד, געדיכטן,
אין דער פינסטערניש געהיים,—
האָט ער איר די הענט געבונדן
צו אן אלטן סאָסנע־בוים.

און אהיים אוועקגעשלעפּט זיך—
ס׳האָט געשטיקט אים אַ געוויין,—
און זיין איינציג קינד געלאָזן
ט׳ער אין ווילדן וואלד אליין.
איז זיך מירל שטעהן געבליבן,
ניט געוואוסט, וואס האָט געטראָפן;
און אזוי מיט הענט געבונדן,
איז זי שטעהענדיג אנשלאָפן.
און גע׳חלומ׳ט האָט זיך מירלען,
אז איר מאמע איז געקומען,
צוגעטולעט זי צום הארצן
און איר שטארק ארומגענומען;
און עס שעפּטשעט איר די מאמע:
„האב קיין מורא ניט פאר קיינעם,
איך בין דא מיט דיר, מיין קינד״...

— — — — — — — — — —

אויפגעוועקט פון זיסן שלאָף זי
האָט אַ שטארקער שטורעם־ווינט.
כאפּט זי זיך און—אָ, אַ וואונדער!—
ליכטיג איז איר, איז ניט בלינד מער...
דאך איר פרייד ניט לאנג געדויערט:
אַ גערויש, אַ ווילדן ברומען
האָט זי נעבן זיך דערהערט;
קוקט זי אום זיך—און וואס זעהט זי!—
רונד ארום, פון אלע זייטן
אומגעקרייזט איז זי פון חיות,
וועלף און בערן גאנצע סטאַיעס,

לייבן, לעמפערטן און שלאנגען...
אט-א כאפן זיי זי, פאנגען,
ס'קאליען ציינער, וואיען, ברומען,
דרעהען זיך אין ראָד ארום איר,
נאָר זיי קאָנען ניט צוקומען.
איז באפאלן זי אן אימה,
האָט איר הארץ גענומען קלעמען,
און זי האָט גענומען רופן:
„ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצן,
יענער, יענער זאָל מיך נעמען"...
איז אַ שטורעם אנגעלאָפן,
פון אַ ווילדער קראפט געטריבן;
האָט ער מירעלען מיט גבורה
פון דעם בוים באלד אָפגעריסן;
נאָך די הענט צום בוים געבונדן
זיינען הענגען זיך פארבליבן...
האָט געטראָגן זי דער שטורעם
אין דער לופטן זיבן מייל
איבער טאָלן, איבער וועלדער
און פארווארפן אין אַ הייל.
האָט זי דאָרט אַ בלאָנדן בחור
אַ געבונדענעם געטראָפן;
אויף אַ בעט פון רויטן סאמעט
איז אַ מידער ער געשלאָפן.
האָט זי מיט די ציין דעם בחור
הענט און פיס גלייך אָפגעבונדן
און דער בחור אירע וואונדן

האָט מיט זיידענס איר פאַרבונדן.
און דערצעהלט איר האָט דער בלאַנדער,
אַז זי זוכן ז'ער געגאַנגען,
האָבּן אים גזלנים דרייצען
אויפן וועג אין וואַלד געפאַנגען
און אהער אין הייל פאַרפירט אים,
הענט און פיס צונויפגעבונדן,
און געלאָזט אַזוי אים ליגן
און אליין אין וואַלד פאַרשוואונדן.
און עס זאָגט צו איר דער בחור:
„לאָמיר לויפן שוין פון דאַנען,
ביז ניטאָ נאָך די גזלנים,
ביז עס איז נאָך צייט פאַראַנען".
און ער נעמט זי פאַר די פאַלדן,
נעמט זי פירן, פירן, פירן
אין דער פינסטער איבער וועגן,
איבער דריי און דרייצען טירן.
נור די טיר, וואָס פירט אין דרויסן,
ניט געקאָנט האָט ער געפינען.
און עס ווענדט זיך צו אים מירל
און זי זאָגט אים: „לאָז זיך דינען:
איך פאַראויס, און איר פון הינטן,
געהט מיר נאָך מיט פעסטע שפּרייזן,
איך בין זעהענדיג געוואָרן,
וועל איך אייך דעם וועג באַווייזן".
און זי ברענגט אים אין דאָס צימער,
וואו זי האָט אים אָנגעטראָפן,
און באַווייזט אים, אַז אין סטעליע
איז אַ טיר געבליבן אָפן.

און זיי זיינען פייל פון בויגן
פון דער הייל ארויסגעפלויגן.
לויפן זיי אזוי און לויפן,
זי פאראויס, און ער פון הינטן,
איבער בערג און איבער טאָלן;
טראָגן שנעל זיך, ווי די ווינטן.
זיינען זיי אזוי געלאָפן, —
ביז זיי זיינען צו אַ שטיבל
אין אַ טיפן וואלד געקומען.
האָבן זיי אין דעם באזעצט זיך.
און דער בחור האָט זיך מירלען
פאר אַ ווייבעלע גענומען.
האָט זי קינדער צוויי געבאָרן —
אים דעם בלאנדן אַ מתנה.
לייכט דער זון, ווי זיבן זונען,
שיינט די טאָכטער, ווי די לבנה.
איז פארביי אזוי אַ ווינטער
און אַ פרילינג און אַ זומער.
לעבן זיי, ווי פרייע פויגל
און זיי ווייסן ניט פון קומער.
קלייבט ער שוועמעלאַך אין וואַלד אַן,
כאפט אַן פיש אין טייך דערנעבן;
צערטלט ער זיין ווייבל מירל
און ער היט זי, ווי דאָס לעבן;
עסן פלעגט פון האנט איר געבן...
דורכן טאָג איז ער פארנומען —
יאגדעס רייסן, קלייבן שוואמען,
האקן האָלץ, אין שטיבל ראמען,

דען אָן הענט איז דאָך זיין מירל
און זי קאָן אים גאָרנישט העלפן,
און אין אָוונט, אין דער שטילקייט,
שענע מעשיות איר דערציילט ער.
איז איר גאָרניט אָפּגעגאנגען—
האָבן הענט נור, הענט געפעלט איר.

געהען זיי אמאָל אין הארבסט-צייט
איבער וואלד פארנאכט שפאצירן:
מירל טראָגט די קינדער ביידע
אין די פּאָלעס איינגעוויקלט,
מיט אַ גארטל שטייף פארבונדן
(מירל פלעגט מיט אירע קינדער
אויף קיין רגע זיך ניט שיידן).
געהט איר נאָך איר מאן דער בלאָנדער
און אַ שטילן שמועס זיי פירן.
פלוצים האָט אַ ווילדער שטורעם
זיך אין וואלד אריינגעריסן,

אנגעלאפן מיט רציחה,
פול מיט וואוט פון אלע זייטן,
און א ריס געטאָן דעם בלאָנדן,
אויפגעהויבן אין דער הויך אים
און פארטראָגן אין דער ווייטן.
בלאנזשעט מירל איבער וואלד אום
און זי ווײנט אזוי באנומען.
איז אן אלטער מאן אַ הויכער
איר אנטקעגן אנגעקומען,
מיט אַ גראָהען באָרד ביז גאַרטל
און מיט בלויע, בלויע אויגן:
האָט ער זיך צו איר געווענדעט,
איבער איר זיך אנגעבויגן,
און זי האָט אַ טרער דערזעהען
ציטערן אין זיינע אויגן.
האָט זי שטארקער נאָך צעוויינט זיך,
צו דער ברוסט אים צוגעפאלן:
„וועה מיר, וועה מיר!—האָט געכליפעט,—
מאַן און הענט איז מיר פארפאלן!"
האָט דער אלטער איינגעשטילט זי,
ווי אַ פאָטער און געטרייסט איר
און פארגארטלט איר נאָך שטייפער.
ביידע אקסל האָט אנטבלויזט איר
און געזאָגט אזוי צו איר דאן:
„מוזט אפריהער הענט באקומען—
ווען דיין מאן אליין שוין קומען,
דען אַ ווייב דעם מאן מוז העלפן".
און געזאָגט האָט נאָך דער אלטער,
און א וועג איר אנגעוויזן:

„געה און געה זיך מיט דער סטעזשקע,
נעם זיך לינקס און לינקס, אלץ לינקער,
וועסטו קומען צו אַ ברונען
זאלסטו דאן זיך לינקער נעמען,
וועסטו צו אַ טייך גלייך קומען,—
פלייצט אין טייך דאָרט גהינום־וואסער.
אין דעם וואסער זאלסטו טובל'ען
די אנטבלויזטע אקסל דיינע,
פריהער איינס, דערנאָך דאָס צווייטע,
וועסטו הענט באקומען טויטע.
דאמאלסט זאלסטו רעכטס זיך נעמען.
געה און געה אלץ רעכט און רעכטער,
ביז וועסט צו אַ בארג דערגרייכן
צו אַ פעלזן־בארג אַ הויכן
אין דעם בארג דארט, צווישן פעלזן
שלאָגט אַ קוואל גן־עדן־וואסער;
וועסט זיין מורמלען גלייך דערהערן,
זאלסטו דיינע הענט די טויטע
דריי מאָל טובל'ען אין דעם קוועלכל,
וועלן דאן זיי לעב'דיג ווערן.
און אַ שטעקן וועסטו זעהען
ליגנדיג ביים קוואל דערנעבן,—
נעם און היט אים, ווי דאָס לעבן,
זעה אין וועג אים ניט פארלירן,
וועט דיך אָט דער כשוף־שטעקן
גלייך אַהיים צו דיר פארפירן".
דאָס געזאָגט האָט איר דער גראָער
וואָס איז אלט פיל טויזנט יאָרן;

דאָס געזאָגט—און חזר'ט איבער
און איז נעלם גלייך געוואָרן.
האָט געלאָזט אין וועג זיך מירל,
איז געגאַנגען און געגאַנגען,
ווי דער אלמער האָט געהייסן,
ביז זי איז אזוי געקומען
צו אַ שווארצן טייך אַ גרויסן.
האָט געשטורעמט דאָרט דאָס וואסער,
ווילד גע'רעש'ט און געזאָדן:
דאָרטן האָבן זיך ניט־גוטע
אין דער טיפעניש געבאָדן.
איז באפאלן זי אַן אימה,
איז איר בלוט פארקילט געוואָרן.
נאָר זי האָט צום טייך גענעהנט—
איז ער גלייך געשטילט געוואָרן.
האָט זי זיך צו אים געבויגן,
אָפגעטונקט אין גהינום־וואסער
די אנטבלויזטע אקסל אירע,
פריהער איינס, דערנאָך דאָס צווייטע,
האָט זי הענט באקומען טויטע...
און געלאָזט זיך געהען ווייטער...
איז געגאַנגען און געגאַנגען...
ס'האָט איין סטעזשקע אויף אַ צווייטער
אומגעפירט זי, ווי געפאַנגען,
ביז זי איז אזוי און לאנגזאם
צו אַ הויכן בארג פארגאַנגען.
אָפגעזוכט האָט זי דעם קוועלכל,—
יענעם קוואל גן־עדן וואסער,—
אבגע'טובל'ט אירע הענט שטיל

אין דעם וואסער זויבער־קלאָרן,
פריהער איינע, און די צווייטע
און די הענט אירע די טויטע
זיינען לעבעדיג געוואָרן.
אויך דאָס שטעקל האָט געפונען—
נעבן קוואל איז עס געלעגן,
ווי דער אלטער האָט געזאָגט איר.
האָט זי עס אין האנט גענומען,
און דערפילט גלייך, אז דער שטעקן
גיט ער פירט זי, נאָר ער טראָגט זי.
האָט דער שטעקן זי געטראָגן
איבער וועלדער, איבער פעלדער,
איבער דריי און זיבן ים׳ען,
ביז זי איז אזוי בשלום
צו איר אלטער היים געקומען.
און געוועזן איז עס באגינען,
האָט די זון געוויזן וואונדער:
נעבן שטיבל פון איר טאטן
האָט געווארט אויף איר דער בלאנדער,
האָט געווארט דאָרט מיט מתנות—
פולע קוישן גאָלד און זילבער,
און אַ שנירל ריינע פערל,
מיט אַ דימענט אין דערמיטן,
קלאָר און זויבער, ווי אַ טרערל.
זיינען זיי אריין אין שטיבל.
(ס׳האָט דער אויוון ערשט געהייצט זיך).
— האָט די שטיפמוטער פארקרימט זיך
און דער רב האָט שטארק דערפרעהט זיך-
האָט אים מירעלע דערצעהלט באלד, -

וואס מיט איר איז זיך פארלאפן
און צו לעצטן פון דעם אלטן,
וואס אין וואלד האט איר געטראפן.
האָט דער רב פארקנייצט דעם שטערן,
און מיט אויגן פולע טרערן
שטיל געזאָגט קוים־קוים צו הערן,
אַז דער אלטער איז געוועזן
זעלבסט דער נביא אליהו.

דער אוצר

ווינעטן און צייכנונגען פון־
קינסטלער סאקאלאווסקי.

ב.

דער אוצר.

I.

הערט נאר, קינדער, וואס פארלאפן
איז אין אונזער קליינעם שטעטל:
דאָס דערצעהלן פארן שלאָפן
פלעגט די ליבע באָבע עטל.
און די באָבע, ווייסט איר, קינדער,
וועט קיין ליגן דאָך ניט זאָגן,
אירע מעשיות—פולע וואונדער
פלעגן אונז ווייט־ווייט פארטראָגן.
אין די לאנגע נעכט פון ווינטער,
אין די נעכט פון אומעט שטילן:
ס'שלאָפט דאָס שטעטל, הינט נור בילן,
און די באָבע זיצט אין ברילן,
מיט אַ זאָק אין האנט און שפיזלאך
אין דעם טוך־ראָד אויפן שטערן:
שטריקט און פרעגט אונז: „קליינע וויזלאך,
ווילט איר ווער אַ מעשה הערן?
— הערסט—אַ שאלה צי מיר ווילן!—
שרייען אלע אויס אינאיינעם:
אלע, אלע וועלן גערן
ביזן טאָג אפילו הערן.

און די בעקלאך בא אונז פלאמען,
פון די אויגן פונקען שפריצן.
שלומ׳קע וויל אנטקעגן זיצן
דוקא נאָהענט צו דער באָבן,
נאָר פארשטעלט ער אָבער דאָבן
(אונזער שוועסטערל די קלענסטע),
יאָמערט יענע דאָך מסתמא,
פונקט מע וואָלט זי וועלן קוילן.
מישט אריין זיך שוין די מאמע
און באזעצט זי נעבן ביילען,
ווערט אַ רעש, אַ געפילדער.
נאָר די באָבע ווערט נאך מילדער,
שמייכלט גוט, און איז אונז מתרה:
„וועט איר, קינדער, שטיל ניט ווערן,
וועל איך גאָר אייך ניט דערצעהלן",
און מיר בלייבן שטיל און הערן.

II.

אָט די חורבה, ווייסט איר, קינדער,
וואָס אנטקעגן שול־הויף שטעהט? —
יאָרן, יאָרן, ווי זי בויגט זיך
און איז שוין צום פאלן גרייט.
נאָר זי בלייבט אלץ שטעהן געבויגן
מיט פארקלאפטע טיר און טויער,
מיט פארהאקטע פענסטער, לאָדן,
איינגעהילט אין גראָען טרויער,
שוין צעפוילט די טרעפ פון גאניק,
און דער דאך פארשימלט, גרין;
איבער גאניק ציהט זיך שפינוועבס,

און עס וויגט זיך אום אַ שפּין.
אַט אזוי שוין לאנגע יאָרן,
זינט די מעשה האָט געטראָפן,
שטעהט די שטוב פארהאקט, פאררייגלט,
ווי דורך כשוף איינגעשלאָפן.

אלע דאָנערשטאָג און מאָנטאָג,—
(אזוי דערצעהלט דער שמש יודע),—
האַלבע נאכט, ווען אלע שלאָפן
מאכן שדים דאָרט אַ סעודה.
ס'ווערט דאָרט ליכטיג; דורך די לאדן
שלאָגן דורך זיך פייער־שטראלן;
טאצן קלינגען, לעפל פאַלן,
ס'שפּילן כלי־זמר, פויקן שאלן,
ס'הילכט אַ פייפן אין די זאלן,
ס'הערן טענץ זיך און געלעכטער;
ס'טאנצן דאָרטן לילית'ס טעכטער
מיטן אשמדאי אליין.
און די סעודה געהט דאָרט אָן
ביז עס קרעהט דער ערשטער האָן.
דעמאָלסט שטיל ווערט, אלץ ווערט נעלם;
אלעס ווערט אין נאכט דערשלונגען,
ד'חורבה בלייבט אין שלאָף פארזונקען
ווארטן אויפן גראָהען טאָג.

III.

געוואוינט האָט אין חורבה
אמאָל דאָ רב נתן,
געוועזן איז אַ הויז דאָס
פון וואקס אויסגעגאָסן.

באצויגן מיט ברעטער
געהובלטע גלאט—
אַ גוסט האָט רב נתן
פאר שענקייט געהאט:
דער דאך דורך פון שינדל,
דער גאניק געשניצט,
און דורך מגן־דוד׳ס
דער טויער באפוצט,
אין אלערליי שניצאכץ
די לאָדן באצירט,
און גרויס האָט רב נתן
און ברייט זיך געפירט.
געווען איז ער אָבער
אַ גדלן אַ גרויסער,
אַריינגעהן צו אים איז
געווען, ווי צום קייסער.
און אָנגעטאָן שטענדיג
אין אטלעס אין שווארצן,
די לענדן פארגארטלט,
דער באָרד אויפן הארצן
פלעגט זיצן רב נתן
פארשפארט אין זיין חדר,
פארטיפט אין גמרא,
און לערנען כסדר.
און לאָזט צו זיך קיינעם,
נור סיידן אַ סוחר,—
אים נעמט ער אויף פריינדליך,
און ווערט דאן ווי ווייכער.
דען ליב האָט ער מסחר,

און מערער פון תורה
האָט ליב אָנצופאקן
די שפּייכלערס מיט סחורה:
מיט לייַן, און מיט קאָרן,
מיט פאטיקעס, וואקס,
מיט האָניג אין פעסער
מיט שוועמלאך און פלאקס.
און פויערים, הענדלער
פון געגנט ארום
געפירט האָבן סחורה
אַהיים גלייַך צו אים.
און וואו אַ יריד נאָר—
געוועז איז ער פול;
ניט איינמאָל פארפעלט האָט
אַ מנחה אין שול...
געוועז איז אים ווינציג
זייַן גיטס און פארמעגן,
ער האָט זיך נאָך רייַכקייַט
געהאלטן אין יאָגן.

IV.

געהאט האָט רב נתן
אַ ברודער רב שלמה.
אַ דאָרף־מאן געוועזן,
ווי פילע אזוינע;
געהאט זיך אַ וואָגן,
אַ פערדל אַ דארן
און פלעגט איבער דערפער
אויף אים ארומפאָרן.

פלעגט אויפקויפן אלעס—
אי חזיר־האָר, מעל,
אי קעלבלאַך, אי דקות,
פון פערד זייער פעל.
נאָר ס'איז אים געגאנגען
ניט גוט אין געשעפט,
געגאנגען שלימ־מזל—
אזוי ווי עס טרעפט.
געווען איז ער אָבער
אַ ערליכער איד,
פלעגט אָננעמען אלעס
פאר ליב און פאר גוט.

האָט ליב געהאט זייער
דעם הימל, דאָס פעלד,
האָט קיינמאָל געיאָגט זיך
נאָך רייכקייט, נאָך געלט.
פלעגט ליב האָבן זיצן
פארטראכט אויפן וואָגן,
פארקוקט אין דער ווייטקייט
און תהלים שטיל זאָגן,
פארקוקן זיך אָפטמאָל
אין הימל אין הויכן
און שלינגען די בלויקייט
ביז ס'אויג קאָן נאָר גרייכן;
און אָפט זיך פארטראכטן
אין העכערע וועלטן,
און פלעגט אָן דעם האנדל
פארגעסן ניט זעלטן.

V.

איינמאָל דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג,
שלמה פאָרט פון זיין נסיעה
אהיים אויף שבת; דרימלט האלב,
ניאָ׳קעט אָפּט פון שלאָף זיין בריאָה:
— „וויאָ, וויאָ, נבילה!״—דרימלט ווידער;
ס׳גיסט אַ שלאָף זיך אין די גלידער.
דרימלט איין און וואכט אויף ווידער.
ד׳נאכט איז ליכטיג; ס׳שיינט די לבנה,
ס׳פעלד—באזילבערט בלויע ליכט;
ס׳פורל שלעפּט זיך, ציהט זיך, קריכט:
אָט אַ בערגל, אָט אַ טאָל...
גלייך שוין ווידער מיט אַ מאָל...
וואָס איז דאָס? ווי קומט דער וועג?—
פרעגט זיך שלמה מיט אַ שרעק,—
אפשר גאָר וואוהין פארבלאָנזשעט
אויף אַ וועג, אַ ווייטן, פרעמדן?
נור געה טענה, זוך און פרעג,
אז ניטאָ וואוהין זיך ווענדן.
וויסט דער וועג. עס פאָרט ניט קיינער.
בלויז די בלעטלאך פון די בוימער
פאלן אומעטיג און שטיל.
רייבט זיך שלמה אויס די אויגן,
גיט אַ צופּ, אַ גלעט דאָס בערדל,
קוקט זיך איין, באטראכט די געגנט,
גיט אַ יאָג, אַ שמיץ דאָס פערדל—
יאָ,—דערקענט דעם וועג, משמעות,
ס׳איז געוועזן אומזיסטע שרעק,
ס׳איז געוועזן פון שלאָף אַ טעות—

ס׳פירט אין שטעטל גלייך דער וועג.
ס׳נעמט דער הימל באלד זיך בלייכן.
ס׳הויבט שוין אָן אויף טאָג צו גרויען.
ס׳הערט פון הענער זיך אַ קרעהען,
און די געלע ביימער שטעהען,
פיבערן מיט יעדן בלעטל
ביזן סאמע שפיץ פאר קעלט,
ס׳גרויט פון ווייטן זיך דאָס שטעטל,
אין אַ נעפל איינגעהילט.
אומעטיג ווערט עפעס שלמה׳ן
היים דערמאָנט זיך אים, די קינדער,
אָט־אָט רוקט זיך אָן דער ווינטער
מיט די גרויסע פרעסט און שנייען,
און די קינדער נאקעט געהען,
און ניטאָ פארוואָס צו נייהען,
ניט קיין שיך און ניט קיין קליידער.
יאָסלען צייט שוין געהן אין חדר,—
נייער יאָר, שכר־למוד צאָלן...

— — — — — — — — — — — — —

ווי ער זיצט אזוי פארקלערט,
שטעלט זיך פלוצלינג אָפּ דאָס פערד.
אויס! ער וויל שוין מער ניט פירן.
שלמה שמייסט עס, ניא׳קעט, טרייבט,
נאָר עס וויל פון אָרט ניט רירן.
— מן הסתם צעבראָכן וואָס?—
טראכט זיך שלמה מיט פארדראָס,—
צי אַ שינע ניט געפלאצט,
אָדער גאָר אן אַקס צעבראָכן,
אפשר אין אַ גרוב פארקראָכן,—

ס׳טרעפט אזוינס אמאָל בא לייטן,
קריכט אראָפּ פון וואָגן שלמה,
קוקט ארום זיך אויף די זייטן;
זעהט—און גלויבט זיך ניט די אויגן:

ס׳ליגט אַ קעלבל אויפן וועג,
אין דער ברייט זיך אויסגעצויגן.
ס׳קעלבל אלט אַ וואָך, ניט מער,
ג׳וויס פארלאָרן האָט זי ווער,
פירנדיג אין שטאָט פארקויפן.
ס׳וואונדערט נור אים אויפן פערד,
וואָס ט׳זיך אָפּגעשטעלט פון לויפן—
וואָס אַ קעלבל ליגט אויף דר׳ערד?
— ס׳איז ניט פשוט,—טראכט זיך שלמה,—
ס׳איז פון אויבן אים באשערט.
און ער נעמט די קאלב אין וואָגן,
קוקט און גלויבט ניט: וואָר, צי טרוים;

טרייבט מיט האסט דאָס פערד זאָל יאָגן
שנעלער, פלינקער צו דער היים.
און דאָס פערד האָט זיך צעטראָגן,
ווי אַ פייל געיאָגט פון בויגן;
שפרינגט אין לופט און טאַנצט דער וואָגן.
שווימען דורך פאַרביי די אויגן
בערגלאַך, וועלדלאַך... אָט אַ בוים...
נאָך אַ רגע בלויז—און שוין—
שלמה איז באַלד אין דער היים.
ס'פערד שפּאַנט אויס, בינדט צו צום וואָגן,
לעגט אים היי, קלאַפּט אָן אין לאָדן,
נעמט די קעלבל מיט מיט זיך.
ליכטיג ווערט אין שטוב אויף גיך,
ס'עפנט אים די טיר אויף שנעל
מיט אַ קרעכץ זיין ווייבל סאָשע,
בלייבט פאַרוואונדערט אויפן שוועל:
„וואָס ז'דאָס פאַר אַ קעלבל, שלמה?"—
פרעגט זי אים פאַרוואונדערט עפּעס.
— ס'איז אַ קעלבל פון אַ בהמה!—
ענטפערט שלומה מיט אַ ווייך איר,—
אַ קעלבל אין אַ קאַלב געראָטן—
און ער גיט אָן דר'ערד אַ וואָרף זי—
ווערט זי באַלד אין גאָלד צעשאָטן...

VI.

פון עפּעס אַ פריץ,
פון נאָהענטן ישוב
מיט זעלביגן וועג
אין זעלביגער נאַכט.

עס פֿאָרט זיך זיין בּרודער
רבֿ נתן פֿארטראכט.
ער האָט מיטן שמייסער,
זיין ליבּלינג מיכאל,
דעם גאנצענעם וועג
קיין וואָרט ניט גערעדט,
געציטערט פֿאר שרעק;
מיט אלפים אַ מטמון
איז ער דאָ געזעסן
אין ווינקל פֿאררוקט.
האָט יעדווידער רגע
אין ד׳זייטן געקוקט.
אים האָט זיך געדאכט:
אים וועלן בּאפֿאלן
גזלנים די נאכט.
די פֿערד האָבּן שנעל זיך,
ווי אדלער געטראָגן,
און ער האָט דעם שמייסער
געהייסן אלץ יאָגן.
עס האָט פֿון די פֿערד אזש
געשלאָגן אַ שוים,
בּיז ס׳האָט זיך דאָס שטעטל
פֿון ווייטן בּאוויזן,
ערשט דאן האָט רבֿ נתן
בּארוהיגט זיך קוים,
האָט איבּערגעזעצט זיך
בּאקוועמער אין וואָגן.
געהייסן, דער שמייסער
זאָל אויפֿהערן יאָגן,

און לאָזן די פערדלאך
שוין פריי געהן אליין.
און אָפּגעלאָזט פריי האָט
מיכאל די לייצעס,
און ס'האָבן זיך שטילער
די פערד געלאָזט געהן.
שוין מידע פון לויפן,
די קעפּ איינגעבויגן,
זיי האָבן זיך לאנגזאם
דעם וואָגן געצויגן,
ביז ס'איז זיך דאָס פורל
צום אָרט אָנגעקומען,
וואו שלמה האָט פריהער
דעם „אוצר" געפונען.
און דאָ זעהט רב נתן,
פון וואָגן ניט ווייט
עס קייקלט אַ קנויל זיך
פון וועג בא דער זייט.
עס פינקלט דער קנײלכל
מיט גילדערנעם שיין,
טראכט ער: „אן אוצר
געוויס מוז עס זיין".
ווייס ער: מע טאָר עס
פאר קיינעם ניט זאָגן...
הייסט ער דעם שמייסער
סתם—שטעל אָפּ דעם וואָגן!—
און לאָזט זיך אין פעלד באלד
דאָס קנײלכל נאָכיאָגן.

ער לויפט נאָכן קניילכל,
דער קנויל רוקט זיך שנעלער:
עס פינקלט דאָס גאָלד אים,
און בלענט אים אלץ העלער.—
אָט יאָגט ער אים אָן שוין...
אין האנט שוין ער שפירט צים....
אזוי האָט דאָס קניילכל
אין פעלד ווייט פארפירט אים,
און פלוצלונג אנטרונען,
פון אויג ניט געוואָרן,
פארשוואומען אין ווייטקייט
און דאָרט זיך פארלאָרן,
און אומגעקערט האָט זיך
רב נתן צום וואָגן,
פארסאָפּעט פון לויפן,
און מיד און דערשלאָגן,
און האָט זיך געלאָזט גיך
זיין וועג ווידער פאָרן,

און ערשט אונטער שטעטל
ער כאפּט זיך צום בוזים:
— רבונו־של־עולם
זיין געלט ט׳ער פארלאָרן...

VII.

געקומען אהיים דאן
צעמישט איז רב נתן,
און שווארץ, ווי די ערד פּונקט,
די אויגן פארלאָשן.
קיין וואָרט ניט גערעדט דאן,
אין שטוב זיך פארשלאָסן,
און איז דאָרט פארבליבן
דריי טעג נאָכאנאנד:
די קאָפּ אין די הענט אלץ
און שטום, ווי די וואנט.
און ערשט אויפן פערטן
האָט ער זיך באוויזן,
מיט ברענענדע בליקן,
וואָס שטעכן, ווי שפּיזן,
מיט בלאָנזשענדע אויגן,
צעעפנטע ברייט,
די קליידער צעפליקטע
און בלאס, ווי דער טויט.
ער האָט מיט די אויגן
געזוכט אין דער נידער,
און עפּעס געשעפּטשעט
האָט ער שטילערהייט:
„אנטרונען געוואָרן,

דער אוצר אנטרונען...
איך וועל אים שוין קיינמאָל,
שוין קיינמאָל געפינען...
געווען איז רבֿ נתן
גערירט פונם זינען.

— — — — — — — — — —

VIII.

אנשוויגן די באָבע
און שטיל ווערט אין הייזל,
מע הערט, ווי עס סקראַפּעט
אין ווינקל אַ מייזל.
און לאנגזאם דער זייגער
דער גרויסער פון וואנט
טיק־טאַק מאנאטאנע
קלאפּט אויס נאָכאנאנד.
עס דרימלט שוין דאָבע
בא בײלן אין שויס,
און ס׳שלאָפט שוין אויך ביילע
בא זיך אויפן האנט.
נור ס׳שלאָפן ניט שלמ׳קע
און איך זאלבענאנד,
מיר ווארטן געדולדיג,
אונז נעמט ניט דער שלאָף,
מיר גאַרן שוין הערן
די מעשה ביז סוף.
עס געניצט די באָבע,
די ברילן פארריכט זי,
און זעצט פאָר דערצעהלן

די שענע געשיכטע:
„נאָר גיך איז רבֿ נתן
צו זיך דאן געקומען,
און האָט מיט התמדה
זיך לערנען גענומען,
ער האָט נאָר געשעמט זיך
אין שטעטל פארבלייבן
און האָט זיך גענומען
אין וועג ערגיץ קלייבן.
און אויספארקויפט האָט ער
אלץ, אלץ ביז אַ ברעקל,
בלויז איבערגעלאָזט זיך
דעם טלית אין זעקל.
ער האָט זיך צעזעגנט
מיט יעטווידן ווינקל,
פארשלאָגן די פענסטער,
די טירן און טויער,
און האָט זיך געלאָזן
אין וועג מיט באדויער.
פון דאמאָלסט אָן איז ער
וואו ערגיץ פארשוואונדן,
איז קיינמאָל אהערצו
צוריק ניט געקומען.
אזוי איז אַ חורבה
זיין שטיבל פארבליבן
און ס'האָבן אהינצו
זיך שדים פארקליבן...

— — — — — — — — — —

און שלמה זיין ברודער

געוואָרן איז רײַך,
און איז איצט מפורסם,
דערהויבן און גרויס...
געהט, קינדערלאַך, שלאָפן —
די מעשה איז אויס״...

דער בריוטרעגער

ג.

דער בריוונטרעגער.

I.

אונטער שטעטעלע פארצייטן,
צווישן גרינע לאנקעס גראָז,
האָט געוואוינט אמאָל אַ פריץ
אין אַ ווייסן מירמעל-שלאָס.

איינגעהילט אין גרינע צווייגן
איז דער ווייסער שלאָס געשטאנען;
טאָפּאָל-בוימער בא די זייטן
זיינען אים אויף וואך געשטאנען.

און אין גאָרטן, ביין וועראנדע
פלעגן שפריצן הויך פאנטאנען;
און עס זיינען אין באסיין דאָרט
אומגעשוואומען ווייסע שוואנען.

ס'זיינען דאָרטן מיט אַ זשומען
פון אַ בלימל צו אַ בלימל
געלע בינען אומגעפלויגן,
ווי אַ גאָלדן פייער-פלעמל.

אָט צו יענעם גרויסן פּריץ,
וואָס געוואוינט האָט אין דעם שלאָס,
האָט געהערט די גאנצע געגנט;
ער געווען איז בעל-הבית
פון פיל דערפעלאך און שטעטלאך
און פון אונזער שטעטל אויך.
אויך דער וואלד געווען איז זיינער—
אָט דער הויכער סאָסנע-וואלד,
וועלכער ציהט זיך ווייט אויף מיילן,
מיט די הויכע סאָסנע-בוימער,
וואָס ביז הימל גרייכן באלד.
אויך דאָס טונקל-בלויע טייכל,
וואָס געהיים פלייצט אין קאמיש,
מיט די גרויסע שלייען-פיש,
קארפּן גילדענע און העכט,
האָט געהערט צו יענעם פּריץ.
אויסער דעם האָט ער פארמאָגט
אלערליי משרתים, קנעכט,
זיי געהאט האָט ער דאָס רעכט
שמייסן, פייניגן, באגליקן
ווען מען נאָר זיין הארץ געלוסט.

II.

און מערער פון אלע משרתים און דינער,
וואָס זיינען ווי הינט אים געווען געטריי,
האָט חן אין די אויגן פון פּריץ געפונען
אַ איד, וואָס געוואוינט האָט אין שטעטל דערביי:
— דער בריוּוטרעגער מאָטל, מאָטל פּאטשטאר,
אַ איד ניט קיין נגיד, אַ שטאָלצער דערפאר,

מיט פלייצעס געזונטע, דערצו ניט קיין נאר.
ער האָט פארן פריץ זיך קיינמאל געקלאָגט,
ווי אנדערע אידן אין צייט פון אַ נויט,
אפנים ווי ער וואָלט פיל אוצרות פארמאָגט.
איז קיי״נעם ניט־קיינמאָל געוועזן צו לאסט,
און נאָר זיך גע׳חכמ׳עט, געוויצלט, געשפאסט.
אזעלכער געוועזן איז מאָטל פאַטשטאר,
דער בריוו-טרעגער מאָטל פון שטעטל פארהאר—
און ס׳האָט אים דער פריץ געליבט שטארק דערפאר...

III.

איינמאָל אין פרילינג,
גיך נאָך ל״ג בעומר,
שיקט צו דער פריץ
זיין אלטינקען שומר
צום בריוו טרעגער מאָטל
אים רופן אין שלאָס:
און שוין זאָל ער קומען,
און זאָגט ניט פארוואָס.
געוועזן איז נאָך וואסער
דאן מאָטל ביים ברונען;
זיין ווייב איז אים תיכף
אנטקעגן געלאָפן
צום ברונען און פרעגט אים:
האָט וואָס דאָרט געטראָפן,
וואָס פלוצלונג עס רופט אים
דער פריץ צו זיך?
דערהערט, אז עס רופט אים
דער פריץ צו זיך,—

האָט מאָטל געוואָרפן
דעם עמער, דעם אָציפ,
און הענדום און פענדום
אנטלאָפן אויף גיך.

IV.

אין גאָרטן בא זיך
האָט דער פריץ שפּאַצירט,
און האָט מיטן גערטנער
אַ שמועס געפירט;
באַוויזן חסרונות
אין גאָרטן א סך:
דאָ ניט פאַרריכט איז
פון ביידל דער דאך
צעבראָכן די ביינקלאך,
אַ בוים ניט פאַרשמירט,
און יענע אַלייע
איז גאָרניט באַצירט;
און דאָ ביין וועראַנדע
נאָך פעלן נאַרציסן;
אַז אַפּטער מע דאַרף זעהן
די לעווקאיען באַגיסן;
ס'איז נייטיג די סטעזשקעס
מיט זעמדלאך באַשיטן;
עס איז אַזא מיש-מאַש,
אַז גאָט זאָל באַהיטן.
— „עס וועלן די צייטן
פיל געסט אונז באַזוכן.
איך שיק היינט אַ שליח,

וואָס זאָל עקסטרא רופן
דעם פּריץ עדוואַרד,
זיין גאַנצע געזינד,—
מיר וועלן אַ יום-טוב
דאָ פּראַוועון אצינד.

אַזוי האָט דער פּריץ
צום גערטנער גערעדט...
די זון האָט דערווײַלע
זיך זעצן גענומען,
האָט יעטווידן בוימדל
מיט גאָלד דורכגעשפּונען;
דאָ אין אַ בלוטיגן
וואָלקן צעשוואומען;
באַווייזן זיך דאָרט,
ווי אַ פֿײַערדיק אויג,
געטאָן באַלד אַ ציטער,
אַ פֿײַנליכן נויג,
און איז הינטער וועלדל
געוואָרן אַנטרונען...
דער הימל איז טיפער
און בלויער געוואָרן,
און ס'האָבן אין מזרח
זיך שטערן באַוויזן.
דערווײַלע איז מאָטל
אין גאָרטן געקומען,
עס האָט אים דער פּריץ
מיט פֿרייד אויפֿגענומען,
און האָט אים אַ בריוול,

פאר׳חתמ׳עט מיט טריפּוואַקס
מיט רויטן דערלאַנגט,
ער זאָל עס אָפּטראָגן
אין נאָהענטן ישוב
דעם פּריץ עדוארד
און ברייִנגען אים מאָרגן
אַן ענטפער פון דאָרט.

V.

געליבט האָט דער פּריץ
איַידן באַגינען,
ווען ס׳שלאָפן נאָך אלע,
שפּאַצירן אין פעלד,
באַטראַכטן די קאָרן,
די גערשטן און ווייצן,
און האָבן הנאָה
זיך סתּם פון דער וועלט:
ער פלעגט זיך פאַרקליידן
אין גרוזישע קליידער,
אַ האָריגן מאַנטל,
אַ פעלצענע הוט,
און וואַנדערן אייִנזאַם
ביז טאָג אויף זיין גוט.

VI.

גאַנץ פריה האָט זיך מאָטל
פון בעט אויפגעהויבן,
עס האָט נאָך די נאַכט שוואַרץ
געקוקט אין די שויבן;
עס זיינען נאָך אלע

אין שטעטל געשלאָפן,
און ער האָט געאײַלט שוין,
פאַרסאָפּעט געלאָפן
איבער די שלאַפיגע,
שמאָלינקע גאסן
און לאָזנדיק הינטן
אַ גאס נאָך אַ גאס.
עס איז שוין דאָס שטעטל
פון הינטן פאַרבליבן
און ס׳האָט זיך באַוויזן
פון ווייטן דער שלאָס.
דער הימל האָט בלײַכן
גענומען פון אויבן;
אַ נעפּל האָט גראה זיך
פון טײַך אויפגעהויבן
און האָט איבער פעלדער זיך
געראָלט, צעשוואומען...
און מאָטל איז שנעל דאַן
אין נעפּל געשוואומען:
געוואָלט האָט ער גרײַכן
ביז טאָג אויפן אָרט,
און ברענגען נאָך היינט שוין
אַן ענטפער פון דאָרט.
אָט איז שוין אויף הינטן
דער שלאָס אויך פאַרבליבן,
און ס׳האָט זיך אין נעפּל
באַוויזן דער וואַלד...
און דאָ, ווי ער לויפט זיך,
אין נעפּל פאַרגרויט,

דערזעהט ער אנטקעגן,
ווי אימיצער שטעהט:
אַ הויכער, אַ דיקער,
די הענט אויסגעשפרייט,
און גלייך ווי פארשטעלן
דעם וועג איז ער גרייט;
פארהילט אין אַ מאנטל
אַ האָריגן שווארץ,
די הוט אַנגערוקט,
און בייז ווי אַ גזלן
אויף מאָטלען ער קוקט.
פאראויס האָט זיך מאָטל
אין פחד גערוקט,
נאָר ער האָט באהאלטן
אין הארצן זיין שרעק
און איז זיך געגאנגען
ווי פריהער זיין וועג.
נאָר אָפּגעשטעלט האָט אים
דער אימיץ און זאָגט:
„וואָס האָסטו, רבּ אידל,
אזוי זיך צעיאָגט?
רוה אָפּ דאָ אַ רגע,
דו האָסט געבוג צייט,
דו וועסט נאָך באווייזן—
ביז טאָג איז נאָך ווייט"...
...מאָטל האָט קוים-קוים
די שטימע דערקאָנט:
— דאָס פּרובט מיך דער פּריץ,—
האָט ער זיך געטראכט

און ער האָט נאָך גרעסער
דעם אָנשטעל געמאכט...
נאָר ס'טענה'ט זיך יענער
אלץ זיינס און ער זאָגט:
„וואָס טראָגסטו אין האנט דאָרט,
זיי מוחל, באווייז".
און ס'ענטפערט אים מאָטל
מיט גאוה און בייז:
„פארהאלט מיך ניט בעסער
דו חם, וואָס דו ביסט!
איך בין מיט אַ בריוול
צו עדווארד געשיקט
פון גרויסן האלינסקין
פון פריץ אליין".
נאָר ס'לאָזט אים רק יענער
דאָך ווייטער ניט געהן,
ער טענה'ט זיך זיינס אלץ:
„דאָס בריוול באווייז,
איך וועל נור אַ קוק טאָן
און דאן ווערסטו לייז".
— דאָס בריוול דיר ווייזן?—
מאכט מאָטל דעם אָנשטעל;
— די טרעט בעסער אָפּ.
דו קענסט אים דען לעזן,
דו פויערשער קאָפּ?—
נאָר דאָ גיט אים יענער
גאָר פלוצלונג אַ כאַפּ,
און רייסט אויס גיך, האסטיג
דאָס בריוול בא אים;

ברעכט איבער די חתימה,
פליקט אָפּ נאָך אַ שטיק,
און דאמאָלסט קערט אום ערשט
דאָס בריוול צוריק.
דערזעהען, די חתימה
צעבראָכן אויף צוויי,
האָט מאָטל נאָך גרעסער
דעם אָנשטעל געמאכט;
און איז צו געפאלן
צו דר׳ערד מיט אַ ווײ
און האָט זיך צעיאָמערט
צו כלומרשט אזוי,
און יענער געבליבן
איז שטעהן פון דערווייטן,—
ער קייכט פון געלעכטער,
זיך האלט בא די זייטן.
...און מאָטל האָט טיף־טיף
אין הארצן געלאכט...

— — — — — — — — — — —

VII.

ביים פּריץ האלינסקין
איז ליכטיג אין שלאָס:
עס לויכטן די לאמפּן
ארויס אויף דער גאס,
באגילדן די בוימער,
באשטראלן דאָס גראָז,
און ווארפן אין נאכט טיף
אַ ליכטיגן פּאַס.
דאָרט האָבן פארזאמלט

זיך געסט אָן אַ צאָל:
עס איז בא דעם פּריץ
האלינסקין אַ באַל.
עס זיינען די פענסטער
באהאנגען מיט קרענץ
עס שפּילן כלי-זמרים,
עס הערן זיך טענץ.
געגרייט זיינען טישן—
מאכלים און ווייַן,
עס קרייזן זיך פאַרלאָך
אין בלענדענטן שיין.
עס קרייזן זיך, קרייזן
אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר,
עס הילכט פון ציגיינער
אַ פריילעכער כאָר.
עס איז דאָ דער פּריץ
עדוארד, זיין פרוי.
דער בריוו-טרעגער מאָטל
איז אויך צווישן זיי.
ער שטעהט, ווי דערשראָקן,
די רייכקייט אים בלענט
עס בלאנקען די דילן,
אין בילדער די ווענט,—
מיט בילדער פון שררות
און סתם-גרויסע לייט;
עס רייצט אים דער גלאנץ דאָ,
ער שטעהט אָן אַ זייט,
פארגעסן פון אלעס,
אַ פרעמדער, אַ גר—

עס האָט אים דער פּריץ
פאַרלאַדן אַהער
און האָט זיך אין טומל
פאַרגעסן אָן אים.
נאָר אָט איז דער טומל
אַ רגע געשטילט,
עס האָבן די געסט שוין
אַ מידקייט דערפילט;
און פאַרלאַכוויז געהען
אין גאָרטן ארויס,
זיך אָפּפרישן דאָרטן
ביים פרילינג אין שויס.
אָט האָט זיך האַלינסקי
שוין אויך געלאָזט געהן,
און פּלוצלונג דערזעהט ער
זיין מאַטלען דאָ שטעהן.
און פריינדליך ער ווענדט זיך
צו מאַטלען און זאָגט:
„איך האָב דיך אנומעלט
אין שליחות געשיקט,
ווער האָט דיר דאָס בּריוול
אין וועג דאָן צעפליקט?
דו האָסט עס צעקנייטשט שטאַרק
עדוואַרדן געבּראַכט״.
און ס׳ענפערט אים מאָטל
מיט גאווה און זאָגט:
„אַ גזלן איז דאן מיך
באַפאַלן ביינאַכט!״
דער פּריץ לאַכט: „איך בּינ׳ס

געוועזן אליין!"
מאכט מאָטל אן אנשטעל
און בלייבט אזוי שטעהן,
ער וויל פונקט וואָס זאָגן
און קאָן ניט קיין וואָרט.
דאָס מויל, כלומרשט, איז אים
געוואָרן פארשפארט,
און קוים וואָס ער שטאמלט,
און לאכט זיך אין הארצן.
„זיי מוחל, מיין הארו..."
— איך וועל דיך, מיין מאָטל,
ניט שטראָפן דערפאר,—
אים ענטפערט דער פריץ
גוטמוטיג און לאכט.—
„דאָ פאָרשטעלן וועסטו
מיט מיר היינט ביינאכט
די גאנצע געשיכטע,
אזוי ווי געוועזן.
איך וויל, אז עס זאָלן
די געסט מיינע זעהן.
און אָפּקומען וועסטו
דערמיט שוין דיין שטראָף".
נאָר ס'קווינקלט זיך מאָטל
און כלומרשט, ער קאָן ניט.
דען ווי וועט ער קאָנען?
ער וועט גארניט וואגן
אַ וואָרט אזא זאָגן
אנטקעגן דעם האַרו
— „דאו הייס איך דעם דינער

דיך שמייסן דערפארן״
—כ׳בין גרייט,—ענטפערט מאָטל,
באקומען מיין שטראָף...—
און ס׳כאפט זיך צום שכל
דער פריץ לסוף,
און פירט אים צום טיש צו
אין עס-שטוב אריין
און ג׳סט אים אַ כוס אָן
אַ גרויסן מיט וויין.
נאָר ס׳טראכט בא זיך מאָטל—
דאָס שפילט זיך דער שטן,—
און זאָגט צו דעם פריץ
און הויבט אים אָן דריגנעך:
„עס איז פון דער תורה
אונז אידן פארבאָטן
״יין נסך״ צו טרינקען...״
— איך הייס!—זאָגט דער פריץ
אים שטרייננ, מיט פארדראָס,
— געבוג זיך צו דינגען,—
און גויט אים צו טרינקען
אַ כוס נאָך אַ כוס.
ביז מאָטל פארגעסן
האָט אַלץ אויף דער וועלט
און האָט דאן די מעשה
געגוי פארגעשטעלט.
דער פריץ האָט פונקט זיך,
ווי-דענסטמאָל פארקליידט
און האָט אויפן וועג זיך
פאַר מאָטלען געשטעלט,

אזוי ווי געשעהען
איז דעמאָלסט אין פעלד,
און מאָטל געזידלט
האָט מער נאָך ווי דאן:
„פארהאלט מיך ניט בעסער
דו, חם, דו „מוזשיק״!
איך בין מיט אַ בריוו
צו עדוארד געשיקט
פון גרויסן האלינסקין,
פון פריץ אליין...״ —
די גאנצע געשיכטע,
און פונקט, ווי געוועזן,
ביז ס׳האָט אים דער קאָפּ זיך
פארדרעהט פון דעם וויין
און איז איינגעשלאָפן
אין מיטן דעריין.

VIII.

דערוואכט האָט זיך מאָטל,
די אויגן געעפנט,
געוואָרפן אַ בליק האָט
ארום אויף די זייטן:
וואָס איז דאָס, וואו איז ער?
וואָס זאָל עס באדייטן?
ער ליגט אין אַ בעט גאָר
פון סאמעט און זיידן,
באמאָלט איז די סטעליע
מיט כרובים, מיט קוויטן;
עס בלאנקען די דילן,

אזוי ווי מיט שפיגלען,
און גאָלדענע שטולן
און זאַפעס מיט פליגלען,
מיט סאַמעט באַצויגן.
ער קוקט אָן פאַרוואונדערט
און גלויבט ניט די אויגן .
און טראַכט זיך: אַ חלום
אים חלומט זיך נאָר;
עס גיט גאָר אַזעלכעס
ניט קיינמאָל אין לעבן,
עס טרעפט ניט אַזעלכעס
קיין מאָל אויפן וואָר.
און מאַטל פאַרנוו'עט
זיך טיפער אין קיסן,
עס זאָל זיך דער חלום
פאַרציען וואָס מער.
ער קאָן דאָך ניט ליגן:
עס הויבט אים פון בעטל
אַט הויבט ער אַ האַנט אויף,
ער פרובט אויך די צווייטע—
זיי הויבן זיך, הויבן...
אַט הערט ער פון פענסטער
אַ צוויטשן פון פויגל,
אַ זשומען פון בינען—
אַ סמן, ער שלאָפט ניט.
ער הויבט זיך דאַן אויף גלייך,
נעמט זוכן די קליידער—
און קאָן ניט געפינען.
אַנשטאָט זיינע אַלטע—

געפינט ער גאָר נייע.
און ס'שטעהען גאָר שיך גרייט
אנשטאָט זיינע שטיוול...
עס דרעהט זיך דער קאָפּ אים:
ער כאפּט זיך צום בוזים:
„דאָס בריוול, דאָס בריוול!..."
און וויל נאָך דעם לויפן,
דאָס זוכן אין פעלד;
ער ציטערט אין גאנצן
פאר מורא און קעלט.
עס קאָן זיך ניט מאָטל
קיין זאך ניט דערמאָנען
וואָס אים האָט געטראָפן,
וואָס האָט דאָ פּאסירט?
— עס האָבן „ניט גוטע"
אים, — טראכט ער, — פארפירט!...

פרייז 5 ר. 50 ק.

קאטערינאסלאווער פארלאג „וויסנשאפט“.

ס׳איז ארויס פון דרוק:

פרץ מארקיש. פוסט און פאס

ר׳מרדכ׳לע. משלים.

„ „ כהן ונביא.

א. פושקין. יעווגעני אנעגין (איבערזעצט פון א. י. גראדזענסקי).

„ ווינטער (לידער זאמלונג).

פראפ. נ. באגדאנאוו. אט אזוי לעבט מען אויף דער ווייסער וועלט! (א דערצעהלונג פון אן אלטע מויז) איבערז. פון א. שטראשון.

ס׳דרוקן זיך און וועלן אין גיכן ערשיינען:

פרץ מארקיש. סתם (לידער).

פ. היילפערין. פריילכע מעשה׳לאך

חנה לעווין. קינדער.

י. דווארקין: צייל און גלויב (אנפאנגס אריפמעטיק).

ה. קאזאקעוויטש: די ארבעט-שול נאך קירשענשטיינער.

Адресъ книгоиздательства: Екатеринославское книгоиздательство „НАУКА“

Екатеринославъ, Воскресенская 15